- נערך באידיש -

בס"ד

# יקרא דמלכא

## שיחות התחזקות והתעלות

שנאמרו ע"י

**כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א**

## לבחורי חמד

מאמר א'

**די אור הגנוז פון יעדע איד**

מאמר ב'

**די גרויסע כוחות**
**וואס ליגט אין יעדע נשמה**

יו"ל ע"י

**מכון שפה ברורה**

**שע"י חסידי קאסוב**

חנוכה שנת תשפ"ג לפ"ק

- גליון יט -

# כל הוצאת עריכת והו"ל של הגליון

נתנדב ע"י
ידידינו היקר שביקרים
מופלא ומופלג בכל המעלות
ובעל מידות תרומיות ומוזהבות,

## הרוצה בעילום שמו

לע"נ

הרה"ח מו"ה **משה יהודה** בן **צבי** ע"ה
וזוגתו מרת **חוה** בת **שמואל** ע"ה
מרת **לאה** בת **יקותיאל יהודה** ע"ה
והרה"ח מו"ה **אברהם אהרן**
בן **מנחם מענדל** ע"ה

זכות הפצת הני דברי תורתו של כ"ק אדמו"ר שליט"א יגן בעדיו
שיתברך בכל מעשי ידיו בשפע ברכה והצלחה בכל עסקיו, וימצא חן
וחסד בעיני אלקים ואנשים בכל חפציו מתוך עושר ואושר כל ימי חייו

**כל הזכויות שמורות**

להערות והארות או לקבל הגליון מדי שבוע בשבוע ע"י e-mail
יש לפנות להמערכת
במס' 917-686-5892
או אל toraskosov@gmail.com

נערך ונסדר ע"י:
ישר
Publishing & Production
718.484.2189

# די אור הגנוז וואס ליגט באהאלטן אין יעדע אידישע הארץ

## די אור הגנוז פון יעדע איד

טייערע בחורים! אונז שטיין יעצט אין די לעצטיגע טעג פון דער יום טוב חנוכה, און אזוי ווי עס איז באקאנט פון הייליגע ספרים הקדושים אז די אור הגנוז וואס דער אויבערשטער האט באהאלטן פאר די צדיקים בשעת ששת ימי בראשית, שיינט אויף אין די יעצטיגע טעג פון די ימי החנוכה אין די הארץ פון יעדע אידישע נפש, און די טעג זענען מסוגל פאר יעדעם איינעם צו זוכה זיין צו די ליכטיגע אור התורה וואס שיינט און לייכט אויף מסוף העולם ועד סופו.

ווען א בחור פאנגט אן צו מאכן א חשבון הנפש בינו לבין קונו, און פאנגט אן צו טראכטן וואס פאר א שייכות האב איך מיט די גרויסע און הייליגע ליכטיגקייט? וואס האב איך מיט די אור וואס קומט אראפ און ווערט נשפע אין די יעצטיגע טעג? איך בין דאך אזוי ווייט פון די אלע זאכן, קוים וואס איך טוה און קען טוהן די מינימום וואס א אידישע בחור דארף טוהן, און אפילו ווען איך בין שוין יא מצליח זיך צו אויפהייבן אביסל העכער איז דאס נאכאלטס זייער ווייט פון די געטליכע אורות און פון די מורא'דיגע דערהויבענע השגות וואס ווערט געברענגט אין די ספרים הקדושים.

אבער דער אמת איז, אז טראץ דעם וואס אין חנוכה איז דא פארשידענע הויכע ענינים וואס מען דארף זיין א בעל השגה דאס צו דערגרייכן, איז אבער דא א געוויסע נקודה וואס האט א פערזענליכע שייכות מיט יעדעם איינעם פון אונז, בפרט פאר אייך בחורי קודש וואס זיצן און לערנען די הייליגע תורה, און זענען אפגעזונדערט פון די גאס וואס

פארשוועמט און שווענקט אויס די רוחניות'דיגע מח פון א איד, און ענק פארמאגן גאר גרויסע און הייליגע כוחות, אבער מען דארף דאס נאר וויסן און אנערקענען.

מען דארף פארשטיין און וויסן אז מען פארמאגט מורא'דיגע כוחות, און עס איז נישט נייע כוחות וואס מען דארף אריינברענגען אין זיך, עס ליגט שוין אינעווייניג אין די הארץ פון יעדע בחור, נאר מען דארף וויסן ווי אזוי דאס ארויסצוברענגען, און דעמאלטס איז מען זוכה צו שיינען און לייכטן מיט די אור הגנוז וואס באלייכט די גאנצע וועלט.

## אכט טעג חנוכה - קושיית הבית יוסף

עס איז באקאנט די וועלט'ס קשיא, וואס דער בית יוסף פרעגט אין הלכות חנוכה[א], פארוואס האבן חכמינו ז"ל מתקן געווען אכט טעג חנוכה, דער נס איז דאך נאר געווען זיבן טעג. מען האט דאך געטראפן א קריגל אויל וואס האט געקענט ברענען איין טאג, און דער אויבערשטער האט געמאכט א נס און עס האט געברענט פאר אכט טעג, אבער פאר איין טאג איז דאך געווען גענוג אויל צו ברענען, אויב אזוי פארוואס מאכט מען א זכר פאר יענעם טאג, עס איז דאך נישט געווען א נס.

## טוהן די מצוה ריין אן קיין חשש עבירה

אויף די קשיא זענען דא צענדליגע תירוצים, איינע פון די תירוצים וואס די מפרשים ברענגען איז, אז היות חז"ל האבן געוואלט קובע זיין די מצות הדלקת נר חנוכה לדורות, האבן זיי נישט געוואלט אז עס זאל ארויסקומען דערפון א חשש איסורא און וויבאלד אויב חז"ל וואלטען מתקן געווען אז מען זאל צינדן זיבן טעג די נרות חנוכה, וואלט מען געמאכט א מנורה פון זיבן קנים (רערן), און עס שטייט אין חז"ל[ב] אז

---

א. או"ח סימן תר"ע ד"ה ואיכא למידק.

ב. גמרא מנחות (דף כח:) דמנורה של שבעה קנים לא יעשה, אפילו משאר מיני מתכת דומיא דמנורה של הבית המקדש, און אזוי ווערט גע'פסק'נט אין רמב"ם (פ"ז מהלכות

עס איז אסור נאכצומאכן די כלים פון בית המקדש, אפילו אויב מען מאכט נישט ממש די זעלבע אזוי ווי עס איז געווען אין בית המקדש, און די מנורה אין בית המקדש האט געהאט זיבן קנים.

דעריבער ווען חז"ל האבן קובע געווען די מצות נר חנוכה פאר די קומענדיגע דורות, האבן זיי דאס מתקן געווען אז מען זאל צינדן די נרות חנוכה אכט טעג, כדי אז מען זאל מאכן די מנורה פון אכט קנים און עס זאל נישט זיין ביי דעם קיין שום חשש איסור.

לכאורה ווען מען טראכט אריין אין דעם, שטעלט זיך א קשיא, ווען א איד גייט צינדן ביי זיך אינדערהיים א מנורה פון זיבן קנים, פארוואס זאל מען בכלל מיינען אז ער וויל דאס מאכן ווייל ער וויל עס זאל זיין אדער אויסזעהן אזוי ווי די מנורה אין בית המקדש? פארוואס זאל איינער מיינען אז ער וויל יעצט טוהן די עבודה פון די בית המקדש, ער זיצט דאך ביי זיך אינדערהיים און צינדט די מנורה, וואס פאר א שייכות האט זיין צינדען מנורה אינדערהיים מיט די צינדען מנורה פון דער כהן גדול בבית המקדש??[ג]

## שלך גדולה משלהם - די עבודה פון אהרן הכהן

נאר עס שטייט אין חז"ל[ד], ווען עס איז אנגעקומען די צייט פון די חנוכת המשכן און אלע נשיאים האבן שוין מקריב געווען זייערע

---

בית הבחירה ה"י) ועיי"ש.

ג. בשלמא ביי דער איסור פון מאכן די מעשה קטורת, איז פאראן א איסור כרת פון נאכמאכן די זעלבע מעשה הקטורת, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (שמות ל, לז) וְהַקְּטֹרֶת אֲשֶׁר תַּעֲשֶׂה בְּמַתְכֻּנְתָּהּ לֹא תַעֲשׂוּ לָכֶם וגו', וויבאלד די ספעציעלע ריח פון די קטורת איז קודש קדשים לה', און א מענטש טאר נישט הנאה האבן דערפון. אבער וואס איז פשט פון דער איסור צו מאכן די צורת המנורה שלא לצורך העבודה ביי זיך אינדערהיים?

ד. רש"י ריש פרשת בהעלותך, וזה לשונו, למה נסמכה פרשת המנורה לפרשת הנשיאים, לפי שכשראה אהרן חנוכת הנשיאים חלשה דעתו, שלא היה עמהם בחנוכה, לא הוא ולא שבטו, אמר לו הקדוש ברוך הוא חייך, שלך גדולה משלהם, שאתה מדליק

קרבנות, האט אהרן הכהן געהאט חלישת הדעת אז נישט ער און נישט זיין שבט האבן אנטייל גענומען אין די חנוכת המשכן, שטייט דארט אז די אויבערשטער האט געזאגט פאר אהרן הכהן: **'חייך, שלך גדולה משלהם'**, דיין עבודה איז גרעסער פון זייער עבודה, 'שאתה מדליק ומיטב את הנרות', דו האסט באקומען די עבודה פון צינדן די מנורה אין בית המקדש יעדן טאג אינדערפרי און ביינאכט און דאס איז גרעסער ווי זייערע עבודה.

עס איז באקאנט דער פשט פון דער הייליגער רמב"ן[ה], וואס טייטשט די ווערטער **'שלך גדולה משלהם'**, אז די עבודה וואס אהרן הכהן האט באקומען איז אן אייביגע עבודה, וואס איז ווייטער ממשיך אפילו נאכדעם וואס דער בית המקדש איז חרוב געווארן, און דאס איז די עבודה פון הדלקת נרות חנוכה, וואס די נס חנוכה איז געקומען דורך די אייניקלעך פון אהרן הכהן די חשמונאים. און חז"ל האבן מתקן געווען לדורות עולם אז מען זאל צינדן די נרות חנוכה אפילו נאכדעם וואס די בית המקדש איז ליידער חרוב געווארן, און דאס מיינט שלך גדולה משלהם, דיין עבודה ווערט נמשך ווייטער דורך די שטענדיגע עבודה פון הדלקת נרות חנוכה אין כלל ישראל.

## די שייכות פון יעדע איד
## מיט די הייליגע עבודה אין בית המקדש

לכאורה דארף מען פארשטיין וואס האט די נרות חנוכה פון א יעדן יוד א שייכות מיט הדלקת הנידות פון אהרן הכהן? די נס חנוכה איז

ומטיב את הנרות, ע"כ.

**ה.** וזה לשון הרמב"ן (במדבר ח, ב), וראיתי עוד בילמדנו (תנחומא בהעלותך, ה) וכן במדרש רבה (טו, ו), אמר לו הקדוש ברוך הוא למשה, לך אמור לאהרן אל תתירא, לגדולה מזאת אתה מוכן, הקרבנות כל זמן שבית המקדש קיים הן נוהגין, אבל הנרות לעולם אל מול פני המנורה יאירו וכו'. והנה דבר ידוע שכשאין בית המקדש קיים והקרבנות בטלין מפני חורבנו אף הנרות בטלות, אבל לא רמזו אלא לנרות חנכת חשמונאי שהיא נוהגת אף לאחר חורבן בגלותנו וכו' עיי"ש.

טאקע געשעהן דורך די חשמונאים וואס זענען געווען אייניקלעך פון אהרן הכהן, און דער אויבערשטער האט געמאכט א נס אז מען האט געטראפן א פך שמן טהור וואס די כהנים האבן געקענט צינדן מיט דעם די מנורה אין בית המקדש, אבער דאס איז בלויז געשעהן יענע יאר פון די נס, אבער די עיקר נרות חנוכה ווערט דאך אנגעצינדן דורך גאנץ כלל ישראל אין יעדע אידישע שטוב, אויב אזוי, וואס איז די שייכות פון דעם וואס כלל ישראל צינדט ביי זיך אינדערהיים מיט די הדלקת המנורה פון אהרן הכהן אין די בית המקדש?

פארוואס ווערט דאס פארעכנט ווי אן א עבודה פון אהרן הכהן, אז דער אויבערשטער זאגט אים אויף דעם אז שלך גדולה משלהם, און דאס מיינט גאר נרות חנוכה?

## יעדע איד איז אזוי ווי א כהן גדול

נאר דער פשט דערפון איז, עס שטייט אין פסוק (שמות יט, ה - ו), דער אויבערשטער זאגט פאר כלל ישראל: **וְעַתָּה אִם שָׁמוֹעַ תִּשְׁמְעוּ בְּקֹלִי וגו', וִהְיִיתֶם לִי סְגֻלָּה מִכָּל הָעַמִּים. וְאַתֶּם תִּהְיוּ לִי מַמְלֶכֶת כֹּהֲנִים וְגוֹי קָדוֹשׁ וגו'.**

גלייך נאך מתן תורה, נאכדעם וואס כלל ישראל האט זוכה געווען צו מקבל זיין די תורה הק', זענען זיי דערהויבן געווארן צו מורא'דיגע הויכע מדריגות, זיי האבן באקומען העכערע השגות, און יעדע איינציגסטע איד פון כלל ישראל האט דערגרייכט צו די מדריגה פון א כהן גדול ממש.

און דער אויבערשטער זאגט פאר כלל ישראל, 'ואתם תהיו לי ממלכת כהנים וגוי קדוש', יעדער איינער פון כלל ישראל איז א בחינה פון א כהן גדול, און ווען נישט כלל ישראל וואלטן געזינדיגט מיט די חטא העגל, וואלט יעדע איד אין כלל ישראל געקענט מקריב זיין קרבנות ווי ער וואלט נאר געווען.

יעדע איד וואלט געווען א כהן וואס טוט די עבודה וואס איז מקריב קרבנות, און יעדע אידישע שטוב וואלט געהאט די קדושה פונעם בית

המקדש, און איבעראל וואלט געווען די זעלבע השראת השכינה פונקט ווי אינעם בית המקדש.

אבער ווען כלל ישראל איז נכשל געווארן מיטן חטא העגל, האבן זיי פארלוירן די מורא'דיגע מדריגות וואס זיי האבן משיג געווען ביי מעמד הר סיני, און דער אויבערשטער האט אויסגעוועלט שבט לוי זיי זאלן זיין די כהנים וואס טון די עבודה אינעם בית המקדש, אזוי אויך האט דער אויבערשטער אפגעזונדערט א פלאץ - די משכן ווי דארט וועט זיין די עיקר השראת השכינה.

מיט דעם אלעם וואס כלל ישראל האבן פארלוירן זייערע הויכע מדריגות ביים חטא העגל, בלייבט די הייליגע אותיות התורה נצחיות, און די הייליגע ווערטער וואס דער אויבערשטער האט געזאגט פאר כלל ישראל בלייבט ווייטער אמת ויציב וקים וישר.

**"יעדער איד פארמאגט אין זיך די כוחות פון די כהן גדול בשעת די עבודה לפני ולפנים בקודש הקדשים, און האט די כוחות אנצוקומען צו די מדריגה פון זיין אזוי ווי אין בית המקדש מקריב זיין קרבנות"**

און די ווערטער וואס דער אויבערשטער האט געזאגט פאר כלל ישראל, 'ואתם תהיו לי ממלכת כהנים וגוי קדוש', דאס ליגט ווייטער אין די נשמה פון יעדע איד, און יעדער איינער פארמאגט נאך אין זיך די געוואלדיגע כוחות, פון צו זיין די ממלכת כהנים און גוי קדוש פון דער אויבערשטער. אבער צוליב די חטא העגל איז דאס **נאר געווארן שווערער** ארויסצוברענגן פון זיך די כוחות, **אבער עס ליגט און געבליבן באהאלטן אין די טיפענישט פון יעדע איד.**

דאס מיינט צו זאגן אז יעדער איד, נישט קיין חילוק אין וועלכע מצב ער געפונט זיך, פארמאגט ער אין זיך די כוחות צו דערגרייכן די גרויסע מורא'דיגע השגות פון א כהן גדול בשעת ער טוט די עבודה לפני ולפנים אין קודש הקדשים, און האט די כוחות אנצוקומען צו

די מדריגה פון זיין אין בית המקדש און מקריב זיין קרבנות פארן אויבערשטער ווי נאר ער איז.

און ווען מען גלייב אין דעם און מען גלייבט אין די נצחיות פון די הייליגע אותיות התורה, און מען פארשטייט אז יעדער איד פארמאגט אין זיך די כוחות אינעווייניג ביי זיך אין הארץ, קען מען דאס ארויסברענגן און אנקומען צו די מורא'דיגע הויכע מדריגות פון זיין ווי א כהן גדול וואס איז עומד לשרת את השי"ת בקודש פנימה.

און דאס איז מרומז דארט ווייטער אין פסוק, דער אויבערשטער זאגט פאר כלל ישראל (שמות כ, כא), **בְּכָל הַמָּקוֹם אֲשֶׁר אַזְכִּיר אֶת שְׁמִי אָבוֹא אֵלֶיךָ וּבֵרַכְתִּיךָ**, דאס הייסט אז דער אויבערשטער איז ווייטער פארבליבן צווישן כלל ישראל, און אין יעדע ארט ווי א איד געפונט זיך איז דער אויבערשטער דארט צוזאמען מיט אים, און עס הערשט דארט א מורא'דיגע השראת השכינה ביי יעדען איד, און בכל מקום אשר מזכיר את שמו של הקב"ה, איז דאס ממש אזוי ווי אין בית המקדש.

## די יונים ווילן אוועקנעמען די נאנטשאפט פון כלל ישראל צום באשעפער

עס שטייט אין חז"ל[ו], ווען די יונים זענען געקומען מלחמה האלטן מיט כלל ישראל, האבן זיי גוזר געווען עטליכע גזירות, איינע פון די גזירות וואס זיי האבן גוזר געווען איז **'כתבו לכם על קרן השור שאין לכם חלק באלקי ממעל'**, מען זאל אויפשרייבן אויף די הערנער פון די אקסן, אז מען האט ח"ו נישט קיין חלק מיטן אויבערשטער.

עס ווערט געברענגט אין ספרים הק'[ז] אז דערמיט האבן די יוונים געוואלט מעורר זיין אויף כלל ישראל דער חטא העגל, און ווייזן פאר

---

ו. מדרש בראשית רבה ב, ד.

ז. איתא בבראשית רבה (ב, ד) על הפסוק (בראשית א, ב) 'וחשך על פני תהום', זה גלות יון שהחשיכה עיניהם של ישראל בגזרותיהן שהיתה אומרת להם כתבו על קרן השור שאין לכם חלק באלוקי ישראל. ועיין שם בפירוש רש"י (שם) וז"ל, כתבו לכם

כלל ישראל, אז ענק האבן געזינדיגט מיטן עגל, און מיט דעם זענט איר דערוויטערט געווארן פונעם אויבערשטער, און האבן פארלוירן די נאנטשאפט וואס איר האט אמאל געהאט מיטן באשעפער.

אבער ווען די חשמונאים האבן מלחמה געהאלטן מיט די יוונים און זיי באזיגט, דעמאלטס איז צוריק ארויסגעקומען די געוואלדיגע אהבה און נאנטשאפט וואס דער אויבערשטער האט מיט כלל ישראל, און עס איז צוריק נתעורר געווארן דער קשר פון כלל ישראל צום באשעפער, און די הייליגע ווערטער פון די תורה וואס דער אויבערשטער האט געזאגט פאר כלל ישראל 'ואתם תהיו לי **ממלכת כהנים** וגוי קדוש', דאס איז נצחיות און עס איז געבליבן און בלייבט שטענדיג אין די הארץ פון יעדע איד פון כלל ישראל, און די עבודה פון א יעדע איד איז ארויסצוברענגן אט די נקודה וואס ליגט אינעווייניג און זיך.

## די עבודה פון הדלקת נר חנוכה

דערמיט פארשטייט מען אז ווען עס קומט די צייט פון צינדן די נרות חנוכה, און עס שיינט אויף אין יעדע אידישע הארץ אט די לעכטיגע אור וואס האט אויפגעשיינט אין די צייטן פון די נס חנוכה, און עס ברענגט ארויס אט די נאנטשאפט וואס כלל ישראל האט מיט'ן אויבערשטער, און טראץ די חטא העגל, דאך איז יעדע איד פארבליבן צוגעבינדן צום הייליגן באשעפער, מיט די גאנצע בחינה וואס מיר זענען געוועהן פאר די חטא העגל בשעת מתן תורה, 'ממלכת כהנים וגוי קדוש' און דאס ליגט נאך באהאלטן אין יעדע אידישע הארץ.

**"יעדעס יאר ווען א יוד צינדט חנוכה לעכט ביי זיך אינדערהיים איז דאס גערעכנט פונקט ווי אהרן הכהן צינדט יעצט די מנורה און בית המקדש"**

על קרן השור לפי שכיון שעשיתם תבנית שור מאותה שעה גליתם בדעתכם שאין לכם חלק בו. וכ"ה במהר"ל (בספר נר מצוה) וז"ל, ולכך אמרו לישראל, כתבו על קרן השור שאין לכם חלק באלוקי ישראל, כי מצד העגל שעבדו ישראל את העגל מיד שנתן להם התורה דבר זה מורה כי יש כאן סילוק והפרדה בעצם שלהם, עכ"ל.

און ממילא ווען מען טוט די עבודה פון הדלקת נר חנוכה און מען צינדט די מנורה ביי זיך אינדערהיים, איז דאס גלייך ווי די עבודה וואס דער כהן גדול האט מדליק געווען די מנורה אין בית המקדש, און ער שטייט ביי די חנוכה לעכט פונקט אזוי ווי דער כהן גדול איז געשטאנען ביי די מנורה אין בית המקדש.

מיט דעם פארשטייען מיר פשט אין די אויבנדערמאנטע קשיא, פארוואס האבן חז"ל נישט געוואלט מתקן זיין זיבן טעג חנוכה, ווייל אויב עס וואלט געווען נאר זיבן טעג וואלט מען געמאכט א מנורה פון זיבן קנים, וואלט דאס געווען פונקט ווי די מנורה אין בית המקדש, ווייל טראץ דעם וואס מיר געפונען זיך נישט אין בית המקדש, האט אונזער עבודה א חשיבות און איז גלייך ווי די עבודה פונעם כהן גדול, דעריבער טאר מען נישט צינדן אין א מנורה פון זיבן קנים אזוי ווי עס ווערט געברענגט די איסור פון חז"ל.

און מיט דעם קענען מיר פארשטיין וואס דער אויבערשטער האט געזאגט צו אהרן הכהן, 'שלך גדולה משלהם', און אזוי ווי דער רמב"ן טייטשט אז דאס גייט ארויס אויף די נרות חנוכה, וואס דאס מיינט נישט נאר יענע יאר וואס די נס האט פאסירט און די חשמונאים האבן געצינדן די מנורה אין בית המקדש, נאר דאס גייט ארויף אויף די הדלקת המנורה פון אלע דורות, אפילו נאכדעם וואס די בית המקדש איז חרוב געווארן, און יעדע איד אין כלל ישראל, צינדט אן די מנורה ביי זיך אינדערהיים,

דאס איז די מתנה וואס דער אויבערשטער האט געגעבן פאר אהרן הכהן, וויבאלד די עבודה פון הדלקת נרות חנוכה, איז פונקט ווי די עבודה אין בית המקדש ווען אהרן הכהן האט מדליק געווען די מנורה.

## דער זכות פון דוד המלך ביי בנין בית המקדש

עס שטייט אין חז"ל אז די שונאים פון דוד המלך האבן אים מורא'דיגע גע'רודפ'ט אז צוליב זיינע חטאים קען מען נישט אויפבויען די בית

**"גלוי וידוע לפניך, אויב וואלט מען אויפגעשניטן מיין פלייש וואלט נישט ארויסגערינען קיין בלוט, מיין בלוט איז שוין אויסגעצאפט געווארן דורך מיינע שונאים וואס האבן מיר גע'רודפ'ט, אפילו זייענדיג אין בית המדרש ווען מען האט געלערנט די שווערסטע הלכות פון 'נגעים ואהלות' האט מען מיר נישט געלאזט קיין מנוחה."**

המקדש, אזוי ווי די גמרא פארציילט[ח], 'דרש רבא מאי דכתיב[ט], **וּבְצַלְעִי שָׂמְחוּ וְנֶאֱסָפוּ** וגו' **קָרְעוּ וְלֹא דָמּוּ.** אמר דוד לפני הקב"ה, רבונו של עולם, גלוי וידוע לפניך שאם היו מקרעים בשרי לא היה דמי שותת לארץ, ולא עוד אלא אפילו בשעה שעוסקין בנגעים ואהלות אומרים לי, דוד, הבא על אשת איש מיתתו במה?'[י].

דוד המלך זאגט פארן אויבערשטער: "גלוי וידוע לפניך, אויב וואלט מען אויפגעשניטן מיין פלייש וואלט נישט ארויסגערינען קיין בלוט, וויבאלד אלע מיינע בלוט איז שוין אויסגעצאפט געווארן דורך מיינע שונאים וואס האבן מיר גע'רודפ'ט, אפילו זייענדיג אין בית המדרש ווען מען האט געלערנט די שווערסטע הלכות פון 'נגעים ואהלות' האט מען מיר נישט געלאזט קיין מנוחה, און מען האט מיר געפרעגט וועגן די מעשה פון בת שבע".

און טראץ דעם וואס די גמרא זאגט[יא], 'כל האומר דוד חטא אינו אלא טועה', דוד המלך האט נישט עובר געווען קיין עבירה, אבער פונדעסטוועגן האט מען אים מצער געווען און גע'רודפ'ט, אז צוליב אים דארף מעןווארטן אז שלמה המלך זאל אויפבויען די בית המקדש.

---

**ח.** בבא מציעא דף נט.

**ט.** תהלים לה, טו.

**י.** ועיי"ש המשך הגמרא מה שהשיב להם דוד, וז"ל, אני אומר להם מיתתו בחנק ויש לו חלק לעולם הבא, אבל המלבין את פני חבירו ברבים אין לו חלק לעוה"ב, עיי"ש. (וע"ע בסנהדרין קז.).

**יא.** שבת דף נו.

און דוד המלך זאגט אין תהילים[יב], **שָׂמַחְתִּי בְּאֹמְרִים לִי בֵּית ה' נֵלֵךְ**, און עס שטייט אין חז"ל[יג], אז די ליצני הדור האבן אנגעקלאפט ביי די פענסטער פון דוד המלך, און אים געוואלט טשעפן און האבן געפרעגט מיט שפאָט, דוד, דוד, ווען גייט מען שוין בויען די בית המקדש? ווענדיג אים מצער זיין און מרמז זיין אז צוליב אים בויעט מען נאכנישט די בית המקדש, אבער דוד המלך האט זיך נישט דערשראקן דערפון, און האט אלעס מקבל געווען באהבה, און געזאגט: 'שמחתי באומרים לי בית ה' נלך', און פריי זיך ווען מען זאגט מיר דאס, טראץ דעם וואס זיי מיינען מיר צו טשעפן דערמיט[יד].

און דער אויבערשטער האט מורא'דיג מחשיב געווען די עבודה פון דוד המלך, טאקע וויבאלד עס איז געווען מיט צער און יסורים, אזוי ווי עס ווערט געברענגט אין חז"ל די אלע יסורים און רדיפות וואס דוד המלך איז אריבער מיום הולדו, וואס זיין טאטע ישי האט אים נישט געוואלט אנערקענען אלס זיין קינד, און איז פארטריבן געווארן פונדערהיים פון יונגווייז אן.

און אפילו נאכדעם וואס דוד המלך איז שוין געזאלבט געווארן מיט די שמן המשחה און איז געקרוינט געווארן צו זיין דער מלך איבער כלל ישראל, האבן זיך די רדיפות נישט אפגעשטעלט, און דורכאויס זיין גאנצע לעבן איז דוד המלך אריבער מורא'דיגע צרות און שוועריקייטן, אבער דוד המלך האט זיך נישט געלאזט, און ווייטער געדינט דער אויבערשטער מיט א געטריישאפט[טו].

---

**יב.** תהלים קכב, א.

**יג.** ירושלמי שקלים דף ז:

**יד.** 'אין דור שאין בו ליצנין כדורו של דוד, מה היו פרוצי הדור עושין, היו הולכין אצל חלונותיו של דוד, אומרין לו דוד, דוד, אימתי יבנה בית המקדש? אימתי בית ה' נלך? והיה דוד אומר אף על פי שמתכוונין להכעיסני, יבא עלי אם לא הייתי שמח בדבריהם'.

**טו.** מער איבער דאס לעבן פון דוד המלך, און דער לימוד וואס אונז קענען זיך ארויסלערנען דערפון, ווערט געברענגט באריכות בס"ד אינעם שמועס 'גלייבן און אויסנוצן די אייגענע כוחות' - חלק ב'.

און דער אויבערשטער האט טאקע געזאגט פאר דוד המלך[טז], **כִּי טוֹב יוֹם בַּחֲצֵרֶיךָ מֵאָלֶף**. און ווי חז"ל זענען מסביר[יז], 'טוב לי יום אחד שאתה יושב ועוסק בתורה מאלף עולות שעתיד שלמה בנך להקריב לפני על גבי המזבח'. עס איז מיר בעסער און חשובער און מער ווערד בלויז איין טאג וואס די לערנסט תורה מער ווי טויזנט עולות וואס דיין זון שלמה וועט מקריב זיין אויף די מזבח אינעם בית המקדש, וויבאלד דיין עבודה קומט טראץ די אלע יסורים און נסיונות, און די האסט זיך מתגבר געווען צו דינען דער אויבערשטער, און דאס איז אסאך חשוב'ער פון אלע עבודות אין בית המקדש.

און ווי מען זעט טאקע שפעטער, אז נאר צוליב די כח פון דוד המלך האט זיין זוהן שלמה המלך געקענט אריינברענגן די ארון הקודש אינעם בית המקדש, אזוי ווי עס ווערט געברענגט אין חז"ל[יח], אז ווען שלמה המלך האט געוואלט אריינברענגן די ארון אינעם בית המקדש האבן זיך די טויערן פארהאקט און שלמה המלך האט דאס נישט געקענט עפענען ביז ער האט דערמאנט דער זכות פון זיין טאטע דוד המלך,

---

**טז.** תהלים פד, יא.

**יז.** שבת דף ל.

**יח.** כדאיתא במסכת שבת (דף ל.), כשבנה שלמה את בית המקדש ביקש להכניס ארון לבית קדשי הקדשים, דבקו שערים זה בזה, אמר שלמה עשרים וארבע רננות ולא נענה, פתח ואמר שאו שערים ראשיכם והנשאו פתחי עולם ויבא מלך הכבוד וכו' ולא נענה, כיון שאמר, ה' אלקים אל תשב פני משיחך, זכרה לחסדי דוד עבדך, מיד נענה. באותה שעה נהפכו פני כל שונאי דוד (עיי"ש ברש"י, שונאי דוד, היינו משפחת שאול שמעי וכיוצא בו), כשולי קדירה, וידעו כל העם וכל ישראל שמחל לו הקב"ה על אותו עון וכו'.

**וראה** עוד במדרש תנחומא (וארא סימן ו') וז"ל, בשעה שעשה את הארון עשה ארון אחד של עשר אמות, ונשא אותו להכניסו לבית קדשי הקדשים, כיון שהגיע לבית המקדש היה הפתח של עשר אמות, והארון של עשר אמות, ואין עשר אמות יכולות לכנוס בתוך עשר, ועוד שהיו טוענין בו, כיון שראה שלא היה יכול להכניסו היה מתבייש, ולא היה יודע מה לעשות, התחיל להתפלל לפני הקדוש ברוך הוא, מה עשה שלמה הלך והביא ארונו של דוד אביו, והיה מתפלל ואמר, ה' אלהים אל תשב פני משיחך זכרה לחסדי דוד עבדך (דברי הימים ב' - ו, מב), כיון שהזכיר זכותו של דוד אביו מיד נענה וכו', עיי"ש.

און האט געברענגט די ארון פון דוד המלך, נאר דעמאלטס האבן זיך די שערים געעפנט, און שלמה המלך האט געקענט אריינברענגען די ארון אינעם בית המקדש.

און דעמאלטס האט גאנץ כלל ישראל איינגעזעהן אז דאס איז אלעס געקומען נאר בזכות דוד המלך, און נישט נאר וואס דוד המלך האט נישט אפגעשטעלט דאס בויען די בית המקדש, נאר פונקט פארקערט, דייקא צוליב דער זכות פון דוד המלך איז די בית המקדש געבויעט געווארן, און דעמאלטס זענען זיינע שונאים זענען פארשטילט און פארשעמט געווארן.

און דאס איז געקומען מיט א תוצאה דייקא צוליב די אלע שוועריקייטן וואס דוד המלך איז אריבער, מיט די כח פון זיך מתגבר זיין אויף אלע שוועריקייטן דאס איז געוועגן דער זכות מיט וואס כלל ישראל האט געבויעט די ערשטע בית המקדש, און בזכות דוד המלך וועט קומען משיח בן דוד במהרה בימינו, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק[יט], **שָׁם אַצְמִיחַ קֶרֶן לְדָוִד עָרַכְתִּי נֵר לִמְשִׁיחִי**, וויבאלד דייקא די עבודה פון שטיין פעלזן פעסט אנטקעגן אלע נסיונות, דאס איז א מורא'דיגע כח אויבן אין הימל, און איז זייער חשוב ביים אויבערשטן.

**"דייקא צוליב דער זכות פון אלע שוועריקייטן וואס דוד המלך איז אריבער, מיט דער זכות האט כלל ישראל געבויעט די ערשטע בית המקדש, און בזכותו וועט קומען משיח בן דוד במהרה בימינו"**

## דער אויבערשטער ווארט אויף אונזערע עבודה

און דאס איז דער לימוד וואס אונז קענען זיך ארויסלערנען פון דוד המלך אז אונזער עבודה פון די היינטיגע דורות פארמאגט א באזונדערע חשיבות ביים אויבערשטן, ווען מען לעבט אין א דור וואס מען איז ארומגענומען מיט נסיונות און שוועריקייטן, מען גייט אריבער מורא'דיגע

---

יט. תהלים קלב, יז.

**"מען צינדט אן די מנורה ביי זיך אין הארץ, וואס ברענט און פלאקערט א גאנצע צייט פארן אויבערשטער, און דאס איז פיל א העכערע וואס מען האט געצינדן די מנורה אין בית המקדש"**

נסיונות אויף יעדן טריט און שריט, און ווען א איד איז זיך מתגבר אויף זיינע שוועריקייטן, שיינט דאס אויף א געטליכע לעכטיגקייט, און דער אויבערשטער האט א געוואלדיגע נחת רוח פון אונזער עבודה.

און דער אויבערשטער ווארט דייקא אויף אונזערע עבודה, טראץ וואס אונז זענען נישט אויף די זעלבע הויכע מדריגות פון די פריערדיגע דורות, נאר אונז זענען אסאך ווייטער אפגערוקט און נידריגער ווי די אמאליגע דורות, אבער טאקע דאס זוכט דער אויבערשטער, און איז דאס מורא'דיגע מחשיב.

און ווען א איד איז זיך מתגבר אויף זיינע שוועריקייטן, איז ער זוכה צו די ווערטער וואס דער אויבערשטער האט געזאגט, 'ואתם תהיו לי ממלכת כהנים וגוי קדוש', און מען ווערט מורא'דיג דערהויבן, ובפרט און די ימי החנוכה ווען עס שיינט אראפ די הארה פון אויבן ביז אינטען למטה מעשרה טפחים און מען איז זוכה ארויסצוברענגן די מורא'דיגע כוחות וואס ליגט באהאלטן אין יעדע איד.

דערמיט צינדט מען אן די מנורה ביי זיך אין הארץ, וואס ברענט און פלאקערט א גאנצע צייט פארן אויבערשטער, און דאס איז פיל א העכערע מדריגה וואס איז געווען בזמן שבית המקדש היה קיים, וואס מען האט געצינדן די מנורה אין בית המקדש, וויבאלד די מנורה וואס מיר צינדן אן ברענט און פלאקערט שטענדיג, און יעדע מאל וואס א איד איז זיך מתגבר אויף א נסיון, ווערט ער ווידער-אמאל פארברענט פארן אויבערשטער'ס וועגן, און עס איז א פייער וואס לעשט זיך קיינמאל נישט אויס.

און דאס איז וואס דער אויבערשטער האט געזאגט פאר אהרן הכהן, 'שלך גדולה משלהם', די עבודה פון צינדן די מנורה וואס דאס איז א עבודה וואס איז שייך פאר גאנץ כלל ישראל, דערמיט וואס מען צינדט

אן די מנורה ביי זיך אין הארץ און מען ברענט און פלאקערט פארן אויבערשטער'ס, דאס לייגט צו פייער צו די פייער דאס איז העכער און גרעסער פון אלע עבודות און קרבנות אינעם בית המקדש.

און בזכות אונזער עבודה איז מען זוכה צו דערנענטערן און אויפבויען די בית המקדש השלישי, אזוי ווי די בית המקדש הראשון איז אויפגעבויעט געווארן בזכות דוד המלך וואס האט זיך מתגבר געווען למרות די אלע שוועריקייטן און צרות, די זעלבע וועט די בית המקדש השלישי אויפגעבויעט געווארן און אונזער זכות וואס אונז האבן זיך מתגבר געווען, און זיך געלאזט פארברענען פארן אויבערשטער'ס וועגן.

זאל דער אויבערשטער העלפן מען זאל זוכה זיין צו 'ערכתי נר למשיחי', מען זאל קענען אנצינדן דורך אונזער עבודה די נר און אורו של משיח, און מען זאל קענען דינען דער אויבערשטער, און מקרב זיין די בנין בית המקדש השלישי דורך אונזערע מעשים הטובים, במהרה בימינו אמן.

**אחר שתיית לחיים,**
**הוסיף כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א האימרה נאה דלהלן:**

# - נוטל פרס מבית המלך -

## הרחמן הוא יעשה לנו ניסים

עס ווערט געברענגט אין רמ"א[כ] וז"ל, **ואומרים על הנסים בחנוכה ובפורים קודם 'ועל הכל', ואם לא אמרו אין מחזירין אותו, ומכל מקום יוכל לאומרו בתוך שאר 'הרחמן', ויאמר: הרחמן הוא יעשה לנו נסים כמו שעשה בימים ההם וכו', והכי נהוג,** עכ"ל. חנוכה און פורים זאל מען זאגן 'על הניסים' ביי ברכת המזון פאר די ברכה פון 'ועל הכל'. אויב האט מען פארגעסן זאלן מען זאגן שפעטער: 'הרחמן הוא יעשה לנו ניסים כמו שעשה בימים ההם וכו''.

און די פוסקים שטעלן זיך[כא], אז עס ווערט געברענגט אין חז"ל, אז עס איז אסור צו בעטן אז דער אויבערשטער זאל מאכן ניסים, און עס קען חלילה שאדן פארן מענטש[כב].

און דער שערי תשובה (סימן קפ"ז ס"ק ד') ענטפערט, אז חנוכה האבן כלל ישראל זוכה געווען צו א נס וואס איז געווען מלובש אין די טבע, וויבאלד דער אופן ווי אזוי די חשמונאים האבן מנצח געווען די מלחמה איז געווען דורכדעם וואס זיי זענען ארויס און א מלחמה מיט די יונים, און טראץ וואס עס איז געווען גיבורים ביד חלשים און רבים

כ. או"ח סימן קפ"ז ס"ד.

כא. תבואות שור בספרו בכור שור עמ"ס שבת כא:, ובישועות יעקב סימן תרפ"ד, ועוד.

כב. כדאיתא בגמרא ברכות (דף נד.) היתה אשתו מעוברת, ואומר יהי רצון שתלד אשתי זכר, הרי זו תפילת שוא. וכ"ה בתענית (דף כד:) במעשה דרבא, שהיה ביקש רחמים שירדו גשמים בתקופת תמוז, ונתגלה אליו אביו בחלום שישנה מקום שנתו, ולמחר מצא סימני סכינים על מיטתו, שהיו המזיקים רוצים להזיקו ולהרגו, מפני שהטריח כלפי מעלה ופעל נס שלא לצורך, ועיי"ש במפרשים.

ביד מעטים, פונדעסטוועגן איז דאס למעשה געווען א נס מלובש אין די טבע, און אז סארט נס מעג מען בעטן[כג].

אבער לכאורה דארף מען פארשטיין, מען בעט דער אויבערשטער מען זאל זוכה זיין צו ניסים, אבער כדי צו זוכה זיין צו א נס אפילו וואס איז מלובש בתוך הטבע דארף מען זוכה זיין דערצו, און מען דארף האבן גאר גרויסע זכותים אז דער אויבערשטער זאל משפיע זיין ניסים אויף א מענטש, אזוי אזוי, ווי קענען אונז פשוט'ע אידן קומען און בעטן דער באשעפער, אז אונז זאלן זוכה זיין מען זאל אונז שיקן ניסים?

## לויבן און דאנקן דער אויבערשטער אויף אלע חסדים

די אנשי כנסת הגדולה האבן מתקן געווען און אויסגעשטעלט תפילת שמונה עשרה אין דריי חלקים, די ערשטע דריי ברכות זענען 'ברכות השבח', און די מיטלסטע ברכות זענען 'ברכות בקשה', און די לעצטע דריי ברכות זענען 'ברכות הודאה', און די ספרים הקדושים זענען מסביר, די לעצטע דריי ברכות זענען די מקור השפע, דארט קומט אראפ די השפעות פון הימל, און עס איז א בחינה פון 'נוטל פרס מבית המלך', ווען מען ענדיגט די גאנצע עבודה, נעמט מען אפ די פרס וואס מען געבט אים מבית המלך.

כג. עס איז פארהאן צוויי סארטן ניסים וואס דער אויבערשטער מאכט פאר כלל ישראל:

**א. נס למעלה מדרך הטבע**, אזוי ווי עס איז געווען בשעת ווען די אידן זענען ארויס פון מצרים, און אזוי ווי עס איז געווען ביי יהושע בן נון בשעת די מלחמה מיט יריחו וואס די מויערן זענען איינגעפאלן, און אזוי איז געווען ביי די מלחמה מיט סנחריב וואס אלע סאלדאטן זענען דערטראנקן געווארן אין טייך. און די ניסים האבן נישט געהאט קיין שום אחיזה אין די טבע, און דאס איז א נס וואס עס שטייט אין חז"ל אז עס איז אסור צו בעטן.

**ב. נס בתוך הטבע**, אז נס וואס דער אויבערשטער מאכט אבער עס איז מלובש אין די טבע, און זעט ווי אזוי עס האט פאסירט, אזוי ווי עס איז געווען ביי די נס חנוכה, ווען די חשמונאים האבן מלחמה געהאלטן מיט די יוונים, טראץ וואס עס איז געווען דארט גרויסע ניסים, אבער דאס איז געווען מלובש בתוך הטבע, און מען האט געקענט פארשטיין ווי אזוי עס האט פאסירט, און אזא סארט נס מעג מען בעטן פונעם אויבערשטן.

**ווען א איד דאוועגט שמונה עשרה און לויבט דעם אויבערשטן פאר אלע גוטע חסדים וואס דער אויבערשטער וועט אים געבן, דערמיט איז ער זוכה דער אויבערשטער וועט זיכער ערפילן זיין 'הודאה' און אים געבן דאס וואס ער האט געדאנקט דער אויבערשטער"**

דער פשט דערפון איז, ווען א איד שטעלט זיך דאוועגען צום באשעפער, און ער פאנגט אן צו בעטן זיינע בקשות און באדערפענישן וואס ער דארף, פאנגט מען צו דן זיין צו ער איז ראוי מען זאל ערפילן זיין בקשה אדער נישט, מען גייט דורך זיינע זכותים, צו זען אויב ער איז ווערד דערצו אדער נישט, און די מקטריגים זענען מעורר דינים אויפן מענטש, אז עס קומט זיך אים נישט מען זאל ממלא זיין די בקשה.

אבער ווען איינער לויבט און דאנקט דער אויבערשטער אויף אלע חסדים, און ער דאנקט דער אויבערשטער אויף די חסדים און השפעות וואס דער אויבערשטער גייט אים שענקן, אויף דעם איז נישט שייך מען זאל מקטרג זיין, וויבאלד ער האט גארנישט געבעטן, אבער האט נאר געלויבט דער אויבערשטער.

אזוי ווי מען טרעפט אין די פוסקים אז עס איז פארהאן עטליכע וועגן ווי אזוי מען קען קונה זיין א חפץ, איינע פון די קנינים איז 'קנין אודיתא'[כד]. דאס הייסט, מען איז מודיע פאר א צווייטן אז דער חפץ געהערט צו יענעם, טראץ וואס עס האט נאך קיינמאל נישט באלאנגט פאר אים, און דורכדעם איז יענער דאס קונה. און דאס איז זייער א שטארקע קנין[כה].

---

**כד.** (כדאיתא בשו"ע חו"מ סימן מ' סעיף א', וז"ל המחייב עצמו בממון לאחד בלא תנאי, אף על פי שלא היה חייב לו כלום הרי זה חייב. כיצד, האומר לעדים הוו עלי עדים שאני חייב לפלוני מנה, או שכתב לו בשטר הריני חייב לך מנה, אף על פי שאין שם עדים, או שאמר לו בפני עדים הריני חייב לך מנה בשטר, אף על פי שלא אמר אתם עידי וכו', הרי זה חייב וכו', אף על גב דידעינן שלא קבל כלום, ע"כ. ומקור הדין הוא מגמרא בבא בתרא קמט. והובא ברי"ף והרמב"ם, ומבואר באריכות בקצות החושן שם ס"ק א', וכהמ"ל).

**כה.** יעויין בלשון הריטב"א (הישנות) שם בסוגיא דאודיתא שכתב וז"ל, ובתוספות דקדקו

די זעלבע איז ווען א איד דאווענט שמונה עשרה און ער לויבט דעם אויבערשטן פאר אלע גוטע חסדים וואס דער אויבערשטער האט אים געגעבן און וואס דער אויבערשטער 'וועט אים געבן', דערמיט איז ער זוכה דער אויבערשטער וועט זיכער ערפילן זיין 'הודאה' און אים געבן דאס וואס ער האט געדאנקט דער אויבערשטער.

## נוטל פרס מבית המלך

דערמיט פארשטייט מען פארוואס חז"ל האבן מתקן געווען מען זאל זאגן 'על הניסים' ביי די ברכה פון הודאה[כו], ווייל ווען א מענטש בעט פאר א נס בתוך הטבע נישט אייביג איז ער ראוי מען זאל ממלא זיין די בקשה, אבער ווען ער קומט און לויבט דער אויבערשטער אויף די אלע חסדים, דעמאלטס איז ער נוטל פרס מבית המלך, און ער באקומט וואס ער בעט.

און ווען מען דאנקט דעם אויבערשטער דאנקט מען נישט נאר אויף די ניסים וואס איז געווען דעמאלטס פאר עטליכע טויזנט יאר צוריק אין די צייטן פון די חשמונאים, מען דאנקט דער אויבערשטער אויף די נסים ונפלאות פון היינט צוטאג'ס. און דורכדעם וואס מען לויבט דעם אויבערשטן, איז מען זוכה אז דער באשעפער זאל משפיע זיין השפעות און ניסים בתוך הטבע פאר גאנץ כלל ישראל.

מכאן דהקנאה בלשון הודאה הקנאה אלימתא היא, ויכול להקנות בה יותר מלשון מתנה, דהאי אודיתא דקאמר רב איקא לא שהיו כבר שלו קאמר אלא שיקנו אותם עכשיו בלשון הודאה קאמר, והקנאה זו חזקה יותר משאר הקנאות וכו', עיי"ש.

**כו.** ראה שו"ע או"ח סימן תרפ"ב.

# די גרויסע כוחות
# וואס ליגט אין יעדע נשמה

## די הייליגע טעג פון חנוכה

מען שטייט יעצט בעצם ימי החנוכה - די הייליגע טעג פונעם יום טוב חנוכה - ווען עס עפענט זיך אויף אין הימל די טויערן פון השפעות פאר יעדער אידישע נשמה, און עס ווערט נשפע א רוח של טהרה משמי מרום. עס ערוועקט אין יעדע נשמה א התלהבות אין א שטארקע רצון צו קענען קונה זיין די לעכטיגע הארות וואס קומען אראפ אין די יעצטיגע טעג.

טייערע בחורי קודש, מען דארף זיך אביסל מתבונן זיין אין די גרויסקייט פון די הייליגע טעג פון חנוכה, און מען דארף וויסן ווי אזוי מען קען אהערשטעלן די נס חנוכה וואס האט פאסירט אין די צייטן פון די חשמונאים, און זיך מאכן פאר א כלי ראוי ומוכן, צו קענען מקבל זיין די אור ושפע וואס קומט אראפ, און זיך קענען מתעלה זיין אויף א העכערע מדריגה.און עס אריינברענגען אין אונזער לעבן היינטיגע טעג וואס אונז לעבן עטליכע טויזנט יאר נאכן נס חנוכה.

## זיין א כלי צו מקבל זיין די שפע

עס איז באקאנט די קשיא פונעם בית יוסף[א], פארוואס מען צינדט די מנורה אכט טעג, עס איז דאך געווען גענוג אויל צו צינדן פאר איין טאג, אויב אזוי איז דער נס נאר געווען פאר זיבן טעג.

---

**א.** או"ח סימן תר"ע ד"ה ואיכא למידק.

דער ט"ז דארט און שו"ע[ב] ענטפערט א תירוץ, אז דער נס איז אויך געווען אין די ערשטע נאכט ווען עס איז נאך בעצם געווען גענוג אויל צו ברענען די גאנצע נאכט. לויט ווי עס ווערט געברענגט אין נביא[ג], אז ווען די פרוי איז געקומען צו דער נביא אלישע אז זי האט נישט קיין געלט צו באצאלן אירע חובות, און מען וויל פארקויפן איר קינד פאר א קנעכט, האט דער נביא אלישע איר געפרעגט: **'הַגִּידִי לִי מַה יֶּשׁ לָךְ בַּבָּיִת'**, זאג מיר וואס דו פארמאגסט אין שטוב.

**" ווען דער אויבערשטער וויל אראפשיקן א שפע פון אויבן מוז מען האבן א כלי וואו עס זאל קענען חל זיין"**

און ווען זי האט געענטפערט אז זי פארמאגט נישט גארנישט אין שטוב אויסער איין איינציג קריגל אויל, האט ער איר באפוילן זי זאל בארגן וויפיל כלים זי קען, און זאל אנפילן אלע כלים מיט אויל פון יענע קריגל אויל וואס זי פארמאגט. און אזוי האט פאסירט דער נס אז פונעם קריגל האט זי אנגעפילט אלע כלים וואס עס איז געווען אין שטוב, און מיט דעם האט זי באצאלט אירע חובות.

אין דער זוהר הק'[ד] איז מסביר, די סיבה פארוואס דער נביא האט איר געפרעגט צו זי פארמאגט עפעס אין שטוב, איז וויבאלד א ברכה קען נישט

---

**ב.** וזה לשונו (שם בס"ק א'), בטור הביא לשנה אחרת קבעום ח' ימים טובים, הקשה ב"י למה קבעו ח' ימים כיון דבשמן שבפך היה בו כדי להדליק ליל א' נמצא שלא נעשה נס אלא לז' ימים, ותירץ ג' תירוצים ע"ש. ועל כולם קשה, שאין לנו רמז מזה שנעשה כן, וא"כ היה לרבותינו להזכיר דבר זה כדי שנדע הנס מה שנעשה בלילה הראשון. ולי נראה לתרץ דלמפרע אנו רואין שגם בלילה הראשונה היה נס דמצינו בספר הזוהר (בראשית פח, א) על פסוק (מלכים ב' ד, ב) 'מה יש ליכי בבית', שאין הוא יתברך עושה נס ליתן ברכה אלא במה שיש כבר בעולם, ואפילו הוא דבר מועט אז הוא יתברך נותן ברכה להרבות המעט, משא"כ בדבר ריקן אין שייך בו ברכה לעשות בריה חדשה. ע"כ ניחא כאן דאלו נדלק כל מה שהיה בלילה הראשון לא היה מקום לנס לחול על שום דבר אלא ודאי דגם בלילה הראשון נשתייר ממה שהיה ראוי לה וממנה נשתייר ועל אותו השיור באה הברכה שנעשה שם נס להרבות אותו, וא"כ ראינו שגם בלילה הראשונה נעשה נס, עכ"ל.

**ג.** מלכים ב' ד, ב.

**ד.** וזה לשון הזוהר הק' (בראשית פח, א), וברכאן דלעילא לא משתכחי אלא במה דאית

שורה זיין אויף א ליידיגע זאך, "**דהא ברכאן דלעילא לא שריין על פתורא ריקניא ולא באתר ריקניא**", ווען דער אויבערשטער וויל אראפשיקן א שפע פון אויבן מוז דאס האבן א כלי וואו דאס זאל קענען חל זיין, דעריבער האט זי געמוזט עפעס האבן אינדערהיים, כדי די ברכה זאל קענען אריינקומען אין שטוב.

מיט דעם איז דער ט"ז מסביר, אז כדי דער נס זאל קענען פאסירן האט אויסגעפעהלט אז די ערשטע נאכט זאל נישט אויסברענען די גאנצע אויל, כדי עס זאל זיך נאכדעם קענען פארמערן די אויל, אויב אזוי קומט אויס אז אפילו די ערשטע נאכט איז געשעהן א נס אז עס האט נישט אויסגעברענט די גאנצע אויל. וועגן דעם האבן חז"ל מתקן געווען די נס חנוכה פאר אכט טעג.

דער לימוד וואס מען קען ארויסלערנען דערפון איז, אז אין די יעצטיגע טעג פון חנוכה ווען עס ווערט נשפע די מורא'דיגע שפע פון הימל, קען דאס נאר אראפקומען אויב עס איז שוין דא עפעס אויף וואס עס קען חל זיין, און דאס איז אונזער עבודה אין די טעג, זיכער צו מאכן אז אונז זענען די ריכטיגע כלים וואס זענען ראוי צו מקבל זיין די שפע וואס קומט אראפ.

## די מורא'דיגע עבודה פון נרות חנוכה

מיר האבן שוין דערמאנט[ה] די ווערטער פונעם הייליגן רמב"ן[ו], אז די עבודה פון נר חנוכה וואס אונז צינדן היינטיגע טעג, דאס איז די

ביה ממשא ולאו איהו ריקניא, מנלן מאשת עובדיהו דאמר לה אלישע, הגידי לי מה יש לך בבית, דהא ברכאן דלעילא לא שריין על פתורא ריקניא ולא באתר ריקניא, מה כתיב ותאמר אין לשפחתך כל בבית כי אם אסוך שמן, מאי אסוך, אלא א"ל שיעורא דהאי משחא לאו איהי אלא כדי משיחת אצבעא זעירא, אמר לה נחמתני דהא לא ידענא היאך ישרון ברכאן דלעילא בדוכתא ריקניא אבל השתא דאית לך שמן דא הוא אתר לאשתכחא ביה ברכאן וכו', עכ"ל.

ה. ווערט געברענגט באריכות אינעם פריערדיגן מאמר 'די אור הגנוז וואס ליגט באהאלטן אין יעדע אידישע הארץ'.

ו. במדבר ח, ב.

עבודה וואס דער אויבערשטער האט געגעבן פאר אהרן הכהן, און דער אויבערשטער האט אים געזאגט **'שלך גדולה משלהם', די עבודה וואס איך געב דיר איז א שטענדיגע עבודה וואס וועט בלייבן אויך נאכדעם וואס די בית המקדש וועט חרוב ווערן,** וואס דאס איז די נרות חנוכה וואס גאנץ כלל ישראל צינדט אן לדורות עולם.

דאס הייסט אז ווען א איד צינדט אן די חנוכה לעכט, איז ער זיך מתקשר מיט דעם צו די הייליגע עבודה פון אהרן הכהן אינעם בית המקדש, און ער פארמאגט די זעלבע כח און עבודה וואס אהרן הכהן האט געהאט בשעת'ן טון די עבודה.

און עס איז ידוע וואס מען זאגט נאך פון הרה"ק מרוזין זי"ע[ז], אז אין גאנץ משניות - תורה שבעל פה - געפונט מען נישט אז עס זאל עפעס דערמאנט ווערן איבער 'נר חנוכה'. אויסער אין איין ארט, אין די משנה אין מסכת בבא קמא[ח], **'הניח חנוני נרו מבחוץ החנוני חייב, רבי יהודה אומר בנר חנוכה פטור'.**

און דער הייליגער רוזינ'ער זי"ע ערקלערט בדרך רמז, אז חנונ"י איז די אותיות יוחנ"ן, וואס דאס גייט ארויף אויף יוחנן כהן גדול, וואס עס ווערט געברענגט אין חז"ל[ט], אז יוחנן כהן גדול האט אכציג יאר געטון די הייליגע עבודה אין בית המקדש לפני ולפנים אין קודש הקדשים, און נאכדעם איז ער געווארן א צדוקי.

זאגט די משנה, **הניח חנונ"י נרו מבחוץ**, יוחנן כהן גדול, האט ארויסגעלייגט די נר תורה אינדרויסן - מחוץ לקדושה - און איז געווארן א צדוקי. זאגט אבער די משנה, **רבי יהודה פוטר בנר חנוכה** , וואס דאס גייט ארויף אויף זיינע קינדער און אייניקלעך, מתתיהו בן יוחנן כהן גדול ובניו, וואס זיי האבן געברענגט דער נס חנוכה, און מתקן

ז. עיין קדישין השלם, חנוכה. ובספר בוצינא דנהורא מביאו בשם הרה"ק רבי ברוך ממעזיבוז זי"ע.

ח. פרק ו' משנה ו'.

ט. ברכות דף כט.

געוועןׂ 'הדלקת נר חנוכה', וואס דאס האט צוריק אויפגעשיינט די אור התורה, און מיט דעם האבן זיי מכפר געווען די אויבנדערמאנטע חטא.

זעט מען דערפון די מורא'דיגע עבודה פון הדלקת נרות חנוכה, און מען זעט די מורא'דיגע תיקונים וואס עס טוט זיך אפ אין די עולמות העליונים, בשעת ווען א איד צינדט די נרות חנוכה, אבער א בחור קען אמאל טראכטן און שפירן אז ער האט נישט קיין שום שייכות צו די אלע הויכע מדריגות, ער פארמאגט נישט די אלע גרויסע כוחות וואס ווערט געברענגט אין די ספרים הק', און די הייליגע עבודה האט נישט צופיל שייכות צו אים.

אבער דער אמת איז נישט אזוי, אזוי ווי עס וועט ערקלערט ווערן בעזהשי"ת, דאס איז א פערזענליכע עבודה פון יעדער איד, אפילו היינטיגע צייטן וואס אונז זענען נישט אויף די גרויסע און הויכע מדריגות אזוי ווי אמאל, פונדעסטוועגן ליגט אין יעדעם איינעם פון אונז די מורא'דיגע כוחות וואס דער אויבערשטער האט ארייגעלייגט אין יעדע אידישע נשמה.

## די גרויסע כוחות וואס ליגט אין יעדע איד

עס שטייט אין פסוק[י], **וַיֹּאמֶר אֱלֹקִים אֶל יַעֲקֹב קוּם עֲלֵה בֵית אֵל וְשֶׁב שָׁם** וגו'. נאך די גאנצע פרשה וואס יעקב אבינו האט זיך געטראפן מיט עשו הרשע, און נאכדעם וואס עס האט פאסירט די מעשה מיט דינה און שכם, האט דער אויבערשטער באפוילן פאר יעקב אבינו 'קום עלה בית אל, ושב שם'.

לכאורה דארף מען פארשטיין פשט אינעם לשון הפסוק, פארוואס דארף דער פסוק צולייגן 'ושב שם', אויב דער אויבערשטער האט אים באפוילן צו גיין צו בית אל, ממילא וועט ער זיין דארט.

עס ווערט געברענגט אין שפת אמת[יא], אז דער אויבערשטער שיקט

---

**י.** בראשית לה, א.

**יא.** מהרה"ק מברעזאן זי"ע, פרשת וישלח עה"פ הנ"ל, ועיי"ש בארוכה.

אראפ א הארה צו א מענטש, כדי ער זאל ווערן דערהויבן און דערגרייכן העכערע השגות, אבער די הארה בלייבט נישט שטענדיג ביי א מענטש, און די עבודה דארף זיין אז מען זאל זיך קענען אנהאלטן און ווייטער בלייבן אויף די מדריגה.

מיט דעם טייטשט ער דער פסוק, 'קום עלה בית אל' דער אויבערשטער ברענגט ארויף דער מענטש צו בית אל, און דערנאך זאגט אים דער אויבערשטער 'ושב שם', די מאך זיכער צו קענען זיך ווייטער אנהאלטן אויף די מדריגה, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק[יב], **אֲחַזְתִּיו וְלֹא אַרְפֶּנּוּ**, מען זאל זיך אנכאפן און נישט אפלאזן די גרויסע הארה וואס מען האט באקומען פון הימל.

דער פשט דערפון איז, אז באמת ליגט אין די הארץ פון יעדער איד מורא'דיגע כוחות, וואס דער אויבערשטער איז משפיע א כח רוחני אין יעדע אידישע נשמה, עס ברענט א פלאם פייער אין יעדע איד, נאר די סיבה פארוואס מען שפירט עס נישט, איז וויבאלד עס איז פארשטאפט געווארן פון די עבירות וואס מען האט געטון, און פון חומריות און גשמיות וואס מען איז ארומגענומען אויף די וועלט.

אבער ווען א איד וועט ארויפקומען אויף יענע וועלט, נאכדעם וואס זיין נשמה האט זיך שוין אפגעשיידט פונעם גוף, און מען וועט אים אפיר נעמען אין בית דין של מעלה און מען וועט אים פרעגן וואס ער האט אלס אויפגעטון אויף די וועלט, און מען וועט אים ווייזן די אלע כוחות וואס ער האט באמת פארמאגט אין זיך.

ווען די מענטש וועט זעהן די אלע מורא'דיגע כוחות, מדריגות און השגות וואס מען שטעלט אים פאר, וועט ער זיין מיינען אז מען רעדט זיכער דא פון די נשמה פונעם בעל שם טוב זי"ע, אדער די נשמה פון איינע פון די גרויסע צדיקים פון די פריערדיגע דורות, אבער מען וועט אים קלאר ווייזן, ניין! דאס ביזטו! דאס איז געווען דיינע כוחות וואס דו האסט פארמאגט אויף די וועלט.

---

**יב.** שיר השירים ג, ד.

**"דער אויבערשטער פארלאנגט פונעם מענטש, דו האלט דיך אויף די מדריגות וואס מען געבט דיר, דו בלייבט שטיין אויף די גרויסע השגות וואס מען איז דיר משפיע פון הימל, מיט דעם וועסטו קענען ארויסברענגן אלע מורא'דיגע כוחות וואס עס ליגט אין דיר"**

נאר די סיבה פארוואס דו האסט נישט געשפירט אז דו האסט די כוחות זייענדיג אויף די וועלט, איז געווען וויבאלד דיינע נשמה איז געווען פארשמירט מיט עבירות, דערפאר האסטו נישט געשפירט דיינע גרויסע השגות, אבער עס איז געליגן אין דיר יעדע מינוט פון דיין לעבן.

און דער אויבערשטער זאגט פאר א מענטש, איך געב דיר יעדן מינוט חיות און כח זיך צו שלאגן מיט דער יצר הרע וואס שטייט אויף קאפ פונעם מענטש, אזוי ווי עס שטייט אין חז"ל[יג], **יצרו של אדם מתגבר עליו בכל יום**, און דער אויבערשטער געבט די כוחות זיך צו שלאגן מיט אים, אזוי ווי די גמרא איז ממשיך, **ואלמלא הקדוש ברוך עוזרו לו, אינו יכול לו.** אויב דער אויבערשטער וואלט אים נישט שטענדיג געגעבן כח זיך צו שלאגן מיטן יצר הרע, וואלט דער מענטש אים נישט געקענט בייקומען.

אבער דער אויבערשטער פארלאנגט פונעם מענטש, דו האלט דיך אויף די מדריגות וואס מען געבט דיר, דו בלייבט שטיין אויף די גרויסע השגות וואס מען איז דיר משפיע פון הימל, זיי ווייטער ממשיך מיט די כח אלוקי און מיט דעם וועסטו קענען ארויסברענגן אלע מורא'דיגע כוחות וואס עס ליגט אין דיר.

## די פלאם פייער וואס פלאקערט אין יעדע איד

ווען יעקב אבינו האט געהערט אז עשו קומט אים אנטקעגן, שטייט אין פסוק און עס שטייט אין פסוק[יד], **וַיִּירָא יַעֲקֹב מְאֹד וַיֵּצֶר לוֹ** וגו'.

---

**יג.** סוכה דף נב. קידושין דף ל: ועוד.

**יד.** בראשית לב, ח.

יעקב האט זייער מורא געהאט פון עשו. און כאטשיג אונז פארשטיין נישט, און אונז האבן נישט די מינדעסטע השגה איבער די גרויסקייט און הייליגקייט פון יעקב אבינו, ווערט אבער געברענגט אין די ספרים הקדושים, אז די פחד און מורא וואס יעקב אבינו האט געהאט פון עשו, ווערט פאררעכנט אלס א שטיקל פגם דק שבדק לפי די גרויסע מדריגה פון יעקב[טו].

וויבאלד די כח און פלאם פייער פון די נשמה פון יעקב אבינו האט געהאט די כח איבערדרייען עשו מקצה אל הקצה, אזוי ווי עס שטייט טאקע אין פסוק, ווען עשו האט זיך געטראפן מיט יעקב[טז], **וַיָּרָץ עֵשָׂו לִקְרָאתוֹ וַיְחַבְּקֵהוּ וַיִּפֹּל עַל צַוָּארָו וַיִּשָּׁקֵהוּ וַיִּבְכּוּ**, עשו איז אינגאנצן צוגאנגן פון די גרויסע קדושה פון יעקב אבינו, און אדרבה עס איז גאר געווען א טענה פארוואס יעקב אבינו האט אים נישט צוריקגעקערט לטובה[יז], ווייל די כח פון יעקב אבינו איז אסאך גרעסער און שטערקער פון די כח פון עשו.

**"די כח וואס ליגט אין די נשמה פון יעדע איד, א פלאם פייער וואס פלאקערט אויף און צוברעכט יעדע חומה וואס איז מבדיל צווישן אים אינעם אויבערשטן, און מען דארף נאר מצליח זיין ארויסצוברענגן די פייער וואס ברענט אין זיך"**

און דאס איז די כח וואס ליגט אין די נשמה פון יעדע איד, א פלאם פייער וואס פלאקערט אויף און צוברעכט יעדע חומה וואס איז מבדיל צווישן אים אינעם אויבערשטן, און מען דארף נאר מצליח זיין ארויסצוברענגן די פייער וואס ברענט אין זיך, דערנאך ווערט שוין פון זיך אליינס פארברענט די קליפה פון עשו.

---

**טו.** כמבואר בשמונה פרקים להרמב"ם פרק ז' - במחיצות ועניינן, ד"ה ואין מתנאי. (ווערט ארומגערעדט באריכות אינעם מאמר 'גלייבן און אויסנוצן די אייגענע כוחות' - חלק א').

**טז.** בראשית לג, ד.

**יז.** אזוי ווי רש"י ברענגט (בראשית לב, כג ד"ה ואת), אז יעקב אבינו אז נענש געווארן איבער דעם וואס ער האט באהאלטן דינה אין א קאסטן, אויסזארג אז עשו זאל נישט לייגן זיינע אויגן אויף איר, און וועלן חתונה האבן מיט איר, וויבאלד דאס וואלט געקענט צוריק ברענגן עשו לתשובה.

און איינמאל עס פלאקערט אויף די פייער, ברענט דאס ארויף ביז אויבן, אזוי ווי דער טבע פון פייער אז עס איז נמשך למעלה, עס וועט שטענדיגן ברענען אויף ארויף, דאס איז די פייער פון יעדע איד, וואס ברענט אויף ארויף צו ווערן נענטער צום באשעפער, און ווערן מער דערהויבן מיט העכערע השגות אין קירבת אלקים, און עס פארברענגט אינגאנצן די כח פונעם יצר הרע.

דאס האט יעקב אבינו געזאגט נאכדעם פאר עשו[יח], **כִּי חַנַּנִי אֱלֹקִים וְכִי יֶשׁ לִי כֹל**, איינמאל ער האט געזען ווי ער האט געקענט בייקומען עשו הרשע, האט ער אים געזאגט 'יש לי כל' איך האב אין מיר אלע כוחות זיך צו שלאגן מיט דיר. איך האב געמיינט אז איך דארף מורא האבן פון דיר, אבער יעצט זע איך ווי גרינג איך האב דיר גערענט בייקומען, און איך זע ווי די אלע כוחות ליגט אין מיר, האט נישט קיין מורא פון מלחמה פון דיר, ווייל איך וועל דיר קענען בייקומען.

אזוי ווי עס ווערט געברענגט[יט], אז די טבע פון א שלאנג ווען עס וויל פארצוקן א פייגל, און קען נישט וויבאלד די פייגל האט פליגלעך און קען פליען, געבט דער שלאנג א אכזריות'דיגן בליק אויפן פייגל וואס פליט אין די לופטן, און פון גרויס פחד פארלירט דאס פייגל די כוחות צו פליען, און פאלט אראפ, און דער שלאנג פארצוקט איר.

ווען די פייגל וואלט ווען געמאכט א פשוט'ע חשבון אז עס איז נישטא וואס צו מורא האבן פונעם שלאנג, זי פליט יעצט אין די לופטן און דער שלאנג קען איר נישט פארצוקן, וואלט זי זיך קיינמאל נישט דערשראקן, דאס זעלבע איז מיטן איד, ווען ער וואלט געוואוסט זיינע כוחות וואס ער פארמאגט וואלט ער זיך קיינמאל נישט דערשראקן, די גאנצע פחד און מורא קומט נאר פון דעם וואס מען ווייסט נישט וועלכע כוחות מען פארמאגט, און דאס מאכט אז מען זאל מורא האבן צו מלחמה האלטן, און נישט קענען בייקומען דער יצר הרע.

---

**יח.** בראשית לג, יא.

**יט.** הובא בספר דעת שלום מהרה"ק רבי שלום משאץ זצ"ל, חלק ב' מאמר הנחש עמוד ע"ה.

## די גרויסע כח פון דער תנא רבי עקיבא

דער זעלבע ענין געפונט מען ביי דער גרויסע תנא רבי עקיבא, אזוי ווי עס ווערט געברענגט אין אבות דרבי נתן[כ], דער הייליגער תנא רבי עקיבא האט גארנישט געלערנט אין די ערשטע פערציג יאר פון זיין לעבן. איין טאג שטייענדיגביים ברינען זעט ער א שטיין וואס איז געלעכערט, האט רבי עקיבא געפרעגט ווער האט געלעכערט דאס שטיין, האט מען אים געענטפערט, קיינער האט דאס נישט געטון, דאס קומט וויבאלד עס טראפט שטענדיג וואסער אויפן שטיין, ווערט דאס דורכגעלעכערט.

האט רבי עקיבא געמאכט א חשבון צו זיך, אזוי ווי וואסער וואס איז א ווייכע זאך האט א כח צו דורכלעכערן א שטיין וואס איז זייער הארט. קל וחומר ווען עס קומט צו לערנען תורה, וואס איז קשה כברזל, קען דאס זיכער ארײנלעכערן אין א הארץ וואס איז ווייך.

און רבי עקיבא איז דעמאלטס געגאנגען לערנען תורה ביי די פערציג יאר, צוזאמען מיט קינדער אין חדר וואס לערנען ביי א רבי, און האט זיך אויסגעלערנט אל"ף בי"ת. ביז רבי עקיבא האט געלערנט כל התורה כולה, און איז אויסגעוואקסן דער גרויסער רבי עקיבא און אויפגעשטעלט פיר און צוואנציג טויזנט תלמידים.

עס שטייט אין גמרא[כא], ווען כלבא שבוע - דער שווער פון רבי עקיבא - איז געקומען צו מתיר זיין די נדר וואס ער האט געמאכט אויף זיין טאכטער רחל צוליב דעם וואס זי האט חתונה געהאט מיט ר' עקיבא, האט ר' עקיבא אים געזאגט אויב וואלסטו געוואוסט אז ער וועט אויסוואקסן א תלמיד חכם וואלסטו געמאכט דער נדר, האט כלבא שבוע געענטפערט, זיכער אז נישט, און רבי עקיבא האט אים מתיר געוועזן דער נדר.

---

**כ.** פרק ו' אות ב'.

**כא.** כתובות דף סב: - סג. נדרים דף נ. (ווערט געברענגט באריכות אינעם מאמר 'עבודה ממושכת' - קוקן אויפן גרויסן בילד).

**די נשמה פון א איד וואס איז א חלק אלוקי ממעל פארמאגט אין זיך מורא'דיגע כוחות, און איינמאל מען ברענגט עס ארויס איז מען פארזיכערט אז מען וועט אויסשטייגן"**

און עס איז באקאנט די קשיא וואס תוספות פרעגט דארט אויפן ארט[כב], **והלא אסור לפתוח בנולד?** מען קען נישט מתיר נדר זיין אויף א זאך וואס איז נאך נישט געווען פארהאן בשעת מען האט געמאכט דער נדר, און בשעת כלבא שבוע האט געמאכט די נדר האט רבי עקיבא נאכנישט געקענט לערנען.

ענטפערט תוספות, **ויש לומר דהכא לא חשיב נולד כיון שהלך לבי רב, דדרך הוא בהולך ללמוד שנעשה אדם גדול.** עס הייסט נישט אז עס נאכנישט פארהאן, וויבאלד רבי עקיבא איז געגאנגען לערנען, און דער דרך איז אז ווער עס גייט לערנען וואקסט אויס א אדם גדול.

דער פשט דערפון איז, די כח פון אויסוואקסן און אויסשטייגן ליגט באהאלטן אין יעדע איד, די נשמה פון א איד וואס איז א חלק אלוקי ממעל פארמאגט אין זיך מורא'דיגע כוחות, און איינמאל מען ברענגט עס ארויס איז מען פארזיכערט אז מען וועט אויסשטייגן, און די כח וואס מען פארמאגט שלינגט איין אלע אנדערע כוחות הטומאה.

אזוי ווי די גמרא פארציילט אויף דער גרויסער תנא רבי עקיבא[כג], פון זעקס זאכן איז רבי עקיבא געווארן זייער רייך[כד]. איינע פון די זאכן ברענגט די גמרא[כה], אז טורנוסרופוס הרשע פלעגט שטענדיג פרעגן פון רבי עקיבא קושיות אויף פסוקים אין די תורה, און רבי עקיבא פלעגט אים שטענדיג באזיגן און אפענטפערן פארנט פון דער קייסער מיט א גרויסע נצחון.

---

**כב.** ד"ה אדעתא.

**כג.** נדרים דף נ:

**כד.** עיי"ש במהרש"א (בחידושי אגדות שם), שהגמרא באה לומר בזה, שלא תאמר שרבי עקיבא התעשר מתלמידיו שלימדם תורה בשכר, אלא התעשר משׁשה דברים אלו.

**כה.** מובא על פי פירוש רש"י שם ד"ה ומן אשתו של טורנוסרופוס.

איינמאל איז טורנוסרופוס הרשע אהיים געקומען זייער באליידיגט בפנים זועפות, און זיין ווייב פרעגט אים וואס איז היינט געשען? האט ער איר געענטפערט אז רבי עקיבא ענטפערט אים און באזיגן אים שטענדיג פארנט פונעם קייסער. האט זי אים געבעטן רשות פון איר מאן - טורנוסרופוס הרשע - צו זי קען גיין מכשיל זיין רבי עקיבא מיט אן עבירה, און דער רשע האט איר געגעבן רשות צו גיין צו רבי עקיבא.

ווען זי איז אנגעקומען צו רבי עקיבא, האט רבי עקיבא, געשפיגן, געוויינט, און געלאכט, און ווען זי האט אים געפרעגט פשט אין די דריי זאכן, האט רבי עקיבא איר געזאגט, די ערשטע צוויי קען איך דיר ערקלערן אבער די דריטע נישט. איך האב געשפיגן אויף דעם וואס דו קומסט פון 'טיפה סרוחה', איך האב געוויינט אויף די שיינקייט וואס גייט פארפוילט ווערן אין די ערד נאכן שטארבן.

נאכדעם וואס זי האט אים שטארק געמוטשעט אז ער זאל איר אויסזאגן די דריטע זאך פארוואס ער האט געלאכט, האט רבי עקיבא איר געזאגט, אז ער האט געזען אז זי גייט זיך מגייר און ער וועט צום סוף חתונה האבן מיט איר. און אזוי איז טאקע געווען, נאכדעם וואס טורנוסרופוס הרשע איז געשטארבן האט זי זיך מתגייר געווען און חתונה געהאט מיט רבי עקיבא, און זי האט אים אריינגעברענגט אסאך געלט.

דאס איז געווען די כח פון דער הייליגער תנא רבי עקיבא, איינמאל די פלאם פייער פון די נשמה האט אויפגעפלאקערט איז רבי עקיבא אויסגעוואקסן דער גרויסער רבי עקיבא מיט פיר און צוואנציג טויזנט תלמידים וואס אונז האבן נישט קיין השגה אין זיינע גרויסע מדריגות. און איינמאל עס האט שוין געברענט האט דאס שוין ממשיך געווען און אויפגעפלאקערט דאס הארץ אפילו פון א פרוי וואס איז אים געקומען מכשיל זיין מיט א עבירה.

וויבאלד דאס איז די מורא'דיגע כח וואס ליגט אין די נשמה פון א איד, און ווען מען ברענגט ארויס די פייער של קדושה וואס ליגט אין הארץ, און עס איז משפיע ווייטער אויף די גאנצע ארום, וואס אלעס

ווערט אנגעכאפט אין די מורא'דיגע פייער וואס ברענט אויף ארויף למעלה אל הקדושה.

## די גרויסע כוחות קומט פון די אבות הקדושים

און די גרויסע כח וואס א אידישע נשמה פארמאגט קומט פון די כוחות פון די אבות הקדושים, וואס עס ליגט באהאלטן אין אונז זייערע כוחות, אזוי ווי עס שטייט אין חז"ל[כו], **כל הקובע מקום לתפלתו, אלקי אברהם בעזרו**. און די גמרא לערנט דאס ארויס, ואברהם אבינו מנא לן דקבע מקום, דכתיב[כז] **וַיַּשְׁכֵּם אַבְרָהָם בַּבֹּקֶר אֶל הַמָּקוֹם אֲשֶׁר עָמַד שָׁם**, ואין עמידה אלא תפלה, שנאמר[כח], **וַיַּעֲמֹד פִּינְחָס וַיְפַלֵּל**.

דאס איז געווען ווען אברהם אבינו האט מתפלל געווען אויף אנשי סדום, אז דער אויבערשטער זאל נישט חרוב מאכן סדום, טראץ וואס מען זעט אז די תפילות פון אברהם אבינו האבן נישט געהאלפן פאר סדום, לערנט מען פון דעם ארויס 'תפילת שחרית' וואס איז נתקן געווארן דורך אברהם אבינו.

און עס שטייט אין די ספרים הק' אז אברהם אבינו האט דעמאלטס מתפלל געווען פאר די קומענדיגע דורות, און די תפילה פון אברהם אבינו האט געהאלפן אז לוט זאל געראטעוועט ווערן און דערפון איז ארויסגעקומען מלכות בית דוד.

און עס שטייט אז אברהם אבינו איז 'מתפלל וחוזר ומתפלל', ער איז זיך מצטרף און דאווענט מיט יעדע איינציג'סטע איד, און איז צוזאמען מעלה די תפילות פון א איד, און דאס איז פשט אין חז"ל 'אלקי אברהם בעזרו', די כח פון אברהם אבינו ליגט אין יעדע איינציגסטע תפילה וואס מען דאווענט.

---

**כו.** ברכות דף ו:

**כז.** בראשית יט, כז.

**כח.** תהלים קו, ל.

דאס איז מורא'דיגע כח וואס ליגט באהאלטן אין די נשמה פון א איד, וואס קומט פון די כח פון די אבות הק', און די זעלבע איז ווען עס קומט צו מקיים זיין מצות, ווערט דאס געטון מיט די כח וואס אונזערע אבות האט אריינגעלייגט אין אונז, און דערפאר זאגט תוס' אז ווען איינער זעצט זיך לערנען, ווערט דאס נישט אנגערופן א 'נולד' וויבאלד די כח ליגט שוין אינעווייניג אינעם מענטש, און עס איז נישט א נייע זאך וואס מען באקומט.

דעריבער ווען מען ברענגט ארויס די כוחות, דארף מען נישט מורא האבן פון סיי וועלכע מניעה אדער אפהאלט, מען איז פארבינדן מיט אויבן בקדושה של מעלה, מען איז פארבינדן מיט די אבות הק', און די פלאם פייער פון א אידישע נשמה ברענט ארויף ביז אויבן, און שיינט און באלייכט די גאנצע וועלט.

**"מען איז פארבינדן מיט אויבן, מען איז פארבינדן מיט די אבות הק', און די פלאם פייער פון א אידישע נשמה ברענט ארויף ביז אויבן"**

## בימים ההם בזמן הזה

און דאס צינדט מען אן בשעת די הדלקת נר חנוכה, אונזערע פייער וואס ליגט באהאלטן אין אונז, די נר ה' נשמת אדם וואס געפונט זיך אין יעדע אידישע נשמה, און עס לייכט און פלאקערט אויף די פייער וואס מאכט ליכטיג די גאנצע חושך וואס נעמט אונז ארום אויף די וועלט.

און דאס האט אלישע הנביא געזאגט פאר די פרוי, אזוי ווי אויבן דערמאנט, דו דארפסט אויפזוכן עפעס ביי דיר וואס קען ברענגען די השפעה, עס ליגט ביי דיר די כח צו קענען ברענגען א שפע, און אזוי איז טאקע געווען, ווען זי האט האט געזאגט אז זי האט א קריגל אויל, און פון דעם איז געקומען די השפעות, וויבאלד די כח ליגט ביי זיך, מען דארף דאס נאר קענען ארויסברענגען.

און מען זעט א אינטערעסאנטע זאך, אז דער עיקר 'תורה שבעל פה' וואס אונז האבן היינטיגע צייטן, האט זיך אנגעהויבן צו פארברייטערן נאך די נס חנוכה, אין די צייטן פון בית שמאי און בית הלל, תלמידי רבי יוחנן בן זכאי, ובית רבן גמליאל, וואס דעמאלטס איז נתרבה געווארן די דרשות און טעמים אין די תורה. וואס דאס איז געקומען נאך די נס חנוכה ווען עס האט אויפגעשיינט די אור תורה אויפן וועלט.

און ווען מען גלייבט אז אונז האבן אויך די גרויסע כוחות, און אונז קענען אויך דערגרייכן מורא'דיגע מדריגות, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק[כט], **כִּי קָרוֹב אֵלֶיךָ הַדָּבָר מְאֹד בְּפִיךָ וּבִלְבָבְךָ לַעֲשֹׂתוֹ**. דעמאלטס וועט מען זוכה זיין, בימים ההם בזמן הזה, אזוי ווי יענע צייטן בזמן הנס האט זיך אויפגעמאכט די שערי תורה, וועלן אונז אויך קענען זוכה זיין צו די אור תורה, און זוכה זיין די שפע וואס ווערט נשפע אין די יעצטיגע טעג, ביז מען וועט זוכה זיין צו די אור וואס אונז ווארטן שוין אויף דעם אזוי פיל יארן, די **'אור חדש על ציון תאיר'**, במהרה בימינו אמן.

---

**כט.** דברים ל, יד.

# ברכת מזל טוב

מעומק הלב פנימה הננו בזה לברך את כבוד ידידינו היקר שביקרים, איש האשכולות מאד נעלה
הבחור החשוב ירא אלוקים כמשמעו וכמדרשו, השלם בכל מיני שלימות, המופלג בהפלגת חכמים ונבונים ומעוטר בכל המעלות ובעל מידות תרומיות ומוזהבות לעילא מן כל ברכתא ושירתא, לבו לב זהב איש טוב ומטיב לכל המקבל כל אדם בסבר פנים יפות באופן נפלא אשר אין גומרין עליו את ההלל

**מוכן ומזומן בכל עת לעשות רצון צדיק**
**כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א במסירות ונאמנות**

## הבה"ח יוסף חיים קליינמאן נ"י

## לרגל נישואיו בשעטומ"צ

## עב"ג בת הרה"ח ר' יעקב פריעדמאן שליט"א

והברכה אחת הוא לכבוד אביו הדגול והנעלה הרב החסיד המפואר
איש האשכולות העושה גדולות מעמודי התווך של קהילתינו הק'

## הרה"ח ר' שלמה אברהם שליט"א, משב"ק

ויה"ר מלפני אבינו שבשמים שזכות מעשיו הטובים והברוכים יעמוד לו לבנות בית נאמן בישראל ולהתברך בכל מילי דמיטב, ויזכה להמשיך בעבודתו בקודש לאורך ימים ושנים מתוך בריאות גופא ונהורא מעליא, ויזכה לדוות רב נחת דקדושה מתוך שמחה והרחבת הדעת, עושר ואושר, ואך טוב וחסד יהיה מנת חלקו כל ימי חייו

המברכים מעומק הלב פנימה,

## מכון שפ"ה ברודה